**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/5/2021 **גאווערנער ענדרו מ. קאומאו**

**גאווערנער קאומאו אנאנסירט מאסן וואקסינירונג ארט ביי ראטשעסטער׳ס דאום ארענא וועט זיך אריבערציען צו סוני ראטשעסטער ׳עדיוקעשענעל אפארטוניטי צענטער׳**

***לעצטער טאג ביי דאום ארענא וועט זין אויגוסט 15 - צווייטער דאזע אפוינטמענט אינפארמאציע פאר דער נייער ארט פאר די וועלכע זענען וואקסינירט געווארן ביי דעם דאום ארענא ביז נאך אויגוסט 15 וועלן געשיקט ווערן דורך טעקסט / אימעיל***

***נאכפאלגנדיג דער אנאנסמענט פארלאנגנדיג סטעיט באשעפטיגטע זיך צו וואקסינירן, 9 נייע וואקסינאציע פלעצער געעפנט אויגוסט 4 אין סטעיט אפיס בילדינגס***

גאווערנער ענדרו מ. קאומאו האט היינט געמאלדן אז דער מאסן וואקסינירונג ארט ביי ראטשעסטער׳ס דאום ארענא וועט זיך אריבערציען צו דעם סוני ראטשעסטער ׳עדיוקעשענעל אפארטוניטי צענטער׳, אלס טייל פון די אנגייענדע באמיאונגען צו טרעפן די ריכטיגע גרויסקייט נייטיג פאר די סטעיט׳ס מאסן וואקסינירונג ערטער אפעראציעס און צילן געגנטער אין נויט. דער לעצטער טאג פון אפעראציעס ביי דעם דאום ארענא וועט זיין זונטאג, אויגוסט 15. דער נייער ארט, ביי 161 טשעסטנאט סטריט, וועט אנהייבן אפעראציעס אום מאנטאג, אויגוסט 16. צווייטע דאזע אפוינטמענט אינפארמאציע מיט דעטאלן וועגן דער נייער ארט פאר מענטשן וועלכע האבן באקומען זייער ערשטער דאזע ביי דעם דאום ארענא וועלן גע׳טעקסט און גע׳אימעיל׳ט ווערן צו די קאנטאקט אינפארמאציע אויפ׳ן פייל פאר יעדן.

דער סטעיט זעצט פאר וויטער אפצושאצן די איבעריגע מאסן וואקסינירונג פלעצער צו טרעפן די ריכטיגע גרויסקייט באזירט אויפ׳ן פארלאנג, נאענטקייט צו אנדערע וואקסינאציע פלעצער, און אנדערע ארטיג-קאנצענטרירטע באמיאונגען. דער באמיאונג שפיגלט אפ דעם סטעיט׳ס פלאן צו קאנצענטרירן אייגנשאפטן אין צוגענגליכע געגנטער צו דערמוטיגן וואקסינאציעס פאר די וועלכע האבן נאכנישט באקומען דעם וואקסין.

״כאטש מיר ניצן וויטער יעדעס מיטל ביי דער האנט אויף צו מאכן דעם וואקסין צוטריטליך פאר אלע ניו יארקערס, זעען מיר אבער איין אז עטליכע פון אונזערע מאסן וואקסינאציע פלעצער קענען טרעפן צו דער פארלאנג ניצנדיג קלענערע פלעצער,״ **האט גאווערנער קאומאו געזאגט.** ״איך דערמוטיג יעדן איינעם מיט אן אפוינטמענט פאר א צווייטע דאזע צו אנהאלטן דעם אפוינטמענט סיי ווי, און זיין גרייט צו קומען צו דער נייער ארט אויב נייטיג. דערוייל, אויב איר דארפט נאך אייער ערשטן איינשפריץ, ביטע קומט צו א וואקסינאציע פלאץ נעבן אייך זיך צו וואקסינירן ווי שנעלער כדי צו באשיצן זיך און אלע ארום אייך.״

נאכפאלגנדיג דעם גאווערנער׳ס [אנאנסמענט ל](#)לוועגן וואקסינאציעס פאר סטעיט באשעפטיגטע און די וועלכע קומען אין פארבינדונג מיט פאציענטן אין סטעיט-געפירט שפיטעלער, האבן זיך געעפנט ניין נייע וואקסינאציע פלעצער אום אויגוסט 4 אין סטעיט אפיס בילדינגס לענגאויס דעם סטעיט אנצובאטן נאך צוגענגליכע לאקאציעס פאר באשעפטיגטע צו באקומען דעם וואקסין.

נייע וואקסינאציע פלעצער האבן זיך געעפנט ביי:

- דאַללעס סטעיט אפיס בילדינג אין וואָטערטאָון
- יו·העס סטעיט אפיס בילדינג אין סירעקיו·ס
- יוטיקע סטעיט אפיס בילדינג
- בינגהעמטאן סטעיט אפיס בילדינג
- עמפייער סטעיט פלאזא קאנקורס
- עלענאר רוזוועלט סטעיט אפיס בילדינג אין פאוקיפסי
- אדאם קלעיטאן פאוועל דזשר. סטעיט אפיס בילדינג אין הארלעם
- דורייע סטעיט אפיס בילדינג אין האופאוזש
- נ.י. סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אין היקסוויל

דער קאוויד-19 (COVID-19) וואקסין נאכשפיר דעשבאורד איז צו באקומען פאר די נייסטע אינפארמאציע וועגן דאס אויסטיילן פון דעם קאוויד-19 וואקסין, און אנטהאלט אויך וואקסינאציע דאטע לויט'ן זיפ קאוד. דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט פאדערט אז וואקסינירונג איינריכטונגען זאלן באריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע אין פארלויף פון 24 שעה; דער דעשבאורד ווערט טעגליך דערפרישט מיט די נייסטע די וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע וועגן די סטעיט'ס וואקסינאציע באמיאונגען.

ניו יארקער וואס זענען חושד שווינדלעריי אין דעם וואקסין אויסטייל פראצעס קענען יעצט רופן 833-VAX-SCAM (833-829-7226) בחנם, אדער שיקן אן אימעיל צו דער סטעיט'ס העלט דעפארטמענט אויף STOPVAXFRAUD@health.ny.gov. האטליין שטאב וועלן אריבערפירן טענות צו די פאסיגע פארשונג אגענטורן צו פארזיכערן אז ניו יארקער ווערן נישט אויסגעניצט מיט אומ'יושר בשעת דער סטעיט ארבעט אויף צו וואקסינירן דער גאנצער בארעכטיגטער באפעלקערונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן